# אויסטראַליע און — איך...

פון

## מלך ראַוויטש

.1

די רעדאַקציע פון דעם צווייטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך האָט מיך אויפגעפאָדערט זיך צו באַטייליקן אין דער ניַיער אויסגאַבע. און כאָטש עס איז שוין אַ צייט אַוועק — און אפשר שוין טאַקע די גאַנצע צייט, וואָס מען האָט באַשטימט צו וואַרטן אויף מיינער אַן אַרבעט — קען איך אַלץ נישט און קען נישט ענטפערן מיט אַ ליטעראַרישן בייטראַג. אַז אַלע אַרטיקלען און אַלע לידער וועגן און אַרום אויסטראַליע האָב איך שוין אויפגעשריבן, אַלע טראַכטענישן שוין אויסגעטראַכט און אויפן פּאַפּיר געבראַכט, שוין אפילו לפנים משורת הדין געטאָן! — געשריבן אפילו דערציילונגען וועגן אויסטראַליע אויך. שוין אפילו זיך אַריינגעמישט אין אויסטראַליש־יידישער פּאָליטיק אויך, און אפילו שוין געהאָלפן מיטהלומען וועגן גרויסע יידישע ישובים פון אויסטראַליע — איז טאַקע, וואָס־זשע בלייבט אַ זינדיקן שרייבער צו טאָן, אַז מען הייסט אים שרייבן נאָך וועגן אויסטראַליע? סיידן אויפשרייבן אַ דראַמע; איז אָבער דער קאָנטינענט צו־גוט און מיינע דראַמעס צו־שלעכט. בלייבט נאָר נאָך אַ מין ליריש־מעדיטאַטאָרישער פעלעטאָן — און דאָס טאַקע שרייב איך, און איך רוף דאָס מיט דעם געוואַגטן נאָמען:

„אויסטראַליע און — איך"...





.2

דאָס איז געווען אין וואַרשע, אין יאָר 1932, אַ האַלב יאָר נאָך מיין אומקערן זיך פון דרום־אַפריקע אין שליחות פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע. בין איך אַמאָל אַריין אין דער נעמלעכער אָרגאַניזאַציע און געזאָגט: שיקט מיך ערגעץ — האָט מען מיר געענטפערט: מיר וואָלטן אייך געשיקט, אָבער עס איז נישטאָ ווו. האָב איך געזאָגט: שיקט מיך קיין אויסטראַליע. איז מען געגאַנגען נאָכקוקן אויף אַ פאַרשטויבטער וועלט־מאַפּע, האָט מען אָבער דאָרט אויסטראַליע נישט געקענט אַרויסקראַצן פון הינטערן אויוון, ווייל אַ שטיק פון דער מאַפּע צוזאַמען מיט אויסטראַליע איז געווען אַרונטערגערוקט הינטערן גרויסן וואַרשעווער קאַפּלאָווען אויוון. האָט מען מיר געזאָגט: איר זעט דאָך, אַז עס איז שווער צו פאָרן קיין אויסטראַליע און קיין יידן זענען דאָרט אויך נישטאָ. יידן וועלן זיך נישט פאַרשטעקן הינטערן אויוון. בין איך אַוועק אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער „נייער פאָלקסצייטונג" און דאָרט געפרעגט, צי עס זענען דאָ אַבאָנענטן פון דער צייטונג אין אויסטראַליע. האָט מען מיר געענטפערט, אַז עס זענען דאָ צוויי, איינער צאָלט שוין זייער לאַנג נישט און מען דאַרף אים טאַקע אָפּשטעלן — און מען האָט אים טאַקע ביי דער געלעגנהייט אָפּגעשטעלט דאָס שיקן די צייטונג. און דער צווייטער צאָלט זייער פּינקטלעך און ער הייסט סענדער בורשטין און ער שרייבט אויס צוויי עקזעמפּלאַרן. אַז איך האָב דאָס דערהערט, בין איך באַלד צוריקגעלאָפן אין דער שול־אָרגאַניזאַציע און געזאָגט דאָרט דער פאַרוואַלטונג, אַז איך וועל פאָרט פאָרן קיין אויסטראַליע, אפילו אויב זיי וועלן מיך נישט שיקן. פאַרוואָס? — ווייל איך האָב דאָרט אויסגעפונען אַן אַבאָנענט פון צוויי עקזעמפּלאַרן פון דער „פאָלקסצייטונג". האָט דער אַרגומענט באַלד געווירקט, מען האָט מיר נאָר געהייסן זיך דורכשרייבן מיט דעם דאָזיקן אַבאָנענט. האָב איך דאָס געטאָן, און — אין אָנהויב 1933 בין איך שוין געווען אין אויסטראַליע. וואָס איך האָב אין דעם לאַנד

מיט מיינע שוואַכע כוחות, און אין דעם מיניאַטור־האָריזאָנט פון מיין לעבן געטאָן, האָט אפשר געהאַט אַ געוויסן, מינימאַלן, רעלאַטיוון ווערט — פאַר מיר אָבער, פאַר מיין אייגן לעבן, וואָס איז דאָך זיכער מיין גאַנצע וועלט, איז דער צופאַל פון דעם טאָפל־אַבאָנענט פון דער „פאָלקסצייטונג" געווען ממש אַן איבערקערעניש. דאָס לעבן פון מיינע נאָענטסטע און אויך מיין אייגן לעבן וואָלטן היינט אינגאַנצן אַן אַנדער פנים געהאַט — ווען נישט אויסטראַליע, ווען נישט יענער צופאַל.

.3

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געפאָרן קיין אויסטראַליע, זענען מיר אויף דער שיף געווען אַ מנין פּאַסאַזשירן אינגאַנצן — — היינט, אַז איך דערמאָן מיך אָן דעם, דאַכט זיך מיר אַזש, אַז צוליב דעם איז געשען דאָס גאַנצע אומגליק פון דער וועלט. דאָס איז סימבאָל געווען, סימבאָל פון דער זינד פון דער וועלט. היינט באַגרייף איך די היסטאָרישע זינד צו לאָזן פאָרן אַ ליידיקע שיף (עס איז געווען די פראַנצויזישע „וויל ד'אמיען" — און „ווילדער מאַן", אָדער „ווילדע מאַמע", האָט זי ביי אחינו בני עמיגראַנטן געהייסן) צווישן איין קאָנטינענט — אייראָפּע — און אַ צווייטן קאָנטינענט — אויסטראַליע — בשעת דער ערשטער האָט געפלאַצט פון די פּראָבלעמען פון זיינע דרייסיק צעקריגטע פעלקער, און דער אַנדערער האָט געלעכצט נאָך מענטשן, טאַקע נאָר ווי אַ פאַרבענקטע מאַמע־ערד קען לעכצן נאָך מענטשלעכע, גליק־ברענגענדיקע טריט אויף איר הויט, און פרוכט־טראָגנדיקן זאָמען פון הייליקן ברויט אין איר לייב. דעמאָלט האָב איך נאָך די זינד און דעם היסטאָרישן נאָנסענס נישט פאַרשטאַנען — היינט פאַרשטיי איך אים שוין... היינט פאַרשטייען מיר שוין אַלע. אפילו יענע, וואָס האָבן פאַרמאַכט די אויגן אויף די ליידיקע שיפן. אונזער רייזע איז געווען אַ שווערע. פערציק טעג האָט זי געדויערט, די שיף האָט זיך שטאַרק געשליידערט, און מיר — די פאָר יידישע פּאַסאַזשירן





— האָבן דאָס דערקלערט דערמיט, וואָס די שיף איז אַזוי ליידיק — און דעריבער וואַרפט זי זיך אַזוי. דריי טאָג פאַר אויסטראַליע, אַז מיר זענען שוין געפאָרן לענגאויס פון דרום־ברעג פון פינפטן קאָנטינענט — זענען טויזנטער אַלבאַטראָסן די שיף באַפאַלן, אָבער אונזער ליידיקע „ווילדע מאַמע" האָט אפילו די אַלבאַטראָסן נישט געקענט געבן גענוג אָפּפאַל און זיי האָבן אונז כסדר באַקרעכצט און באַוויינט און באַפלאַטערט מיט די גרויסע פליגלען: קכאַ — פאַרוואָס אַזוי ליידיק די שיף — קכאַ — מיר זענען הונגעריק — קכאַ — וווּ זענען די פולע שיפן פון אמאָל — קכאַ — קכאַ — קכאַ — — —

איינמאָל האָבן די מאַטראָסן געכאַפּט אַן אַלבאַטראָס מיט אַ צעבראָכענעם פליגל. האָבן אים אַנידערגעשטעלט אויף אַ פּאָס, אַ שנירל דין שוואַרץ בלוט האָט געטשיורקעט פון זיין ווונד. דאָס איז געווען דער ערשטער אויסטראַליער, וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגנט — און אַ מאָדנער איז ער געווען, אַזוי מאָדנע; און ער האָט געקוקט אויף מיר, ווי עס קען נאָר קוקן אַ מאָדנער קאָנטינענט, דער פינפטער, דער יינגסטער, דער ווייטסטער, דער קלענסטער, דער האָפענונגספולסטער — אויף אַ נייעקומער. קיינמאָל, קיינמאָל אין מיין לעבן וועל איך שוין נישט פאַרגעסן יענעם שטומען בליק־דיאַלאָג צווישן דעם אויסטראַלישן אַלבאַטראָס און מיר...

.4

אונזער שיף האָט זיך פאַרשפּעטיקט, איז אָנגעקומען זונטיק ביי טאָג, און מען האָט געדאַרפט לאָזן דעם אַנקער אינמיטן דעם ים־איינגוס, אַרום וועלכן מעלבורן ליגט, און וואַרטן ביז מאָנטיק אינדערפרי. זענען אָט די זעכצן שעה געוואָרן פון די שענסטע, וואָס איך האָב ווען עס איז איבערגעלעבט. איך האָב דערפילט, מיט אַלע חושים דערפילט עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב נאָך ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט געפילט — אַ נייע וועלט, אַן אַנדער וועלט, אַ מאָדנע וועלט — די וועלט פון דעם דרום־

קיילעך פון אונזער פּלאַנעט. די אַלבאַטראָסן האָבן זיך אָפּגעטראָגן, ווייל צו־נאָענט איז שוין געווען דאָס לאַנד און צופיל די קליינע ים־פויגל. ווי די בינען באַפאַלן אַ טויזנט־קאָלירנדיקע זומער־לאָנקע, אַזוי זענען אַלערליי מאָדנע ים־פויגל באַפאַלן אונזער שיף. די שיף איז געלעגן שטיל, אירע שרויבן האָבן נישט געאַרבעט, און די פויגל זענען געקומען אַלץ מער און מער, נענטער און נענטער. אין דער לאַנגער רייזע איז אונזער שיף שוואַרץ געוואָרן פון שטויב און פון רויך — עס איז געווען אַן אַלטע קוילן־שיף — און די מאַטראָסן זענען איצט אומעטום אַרום איר אַרומגעהאַנגען און געוואַשן זי מיט קאַלטע עמערס ים־וואַסער און געשמירט פון גרויסע עמערס מיט אייל־פאַרב. די שיף האָט זיך געצירט און געפּוצט פאַרן מאָרגנדיקן אויפנעם־טאָג, און אַזוי האָט אויך גע־פאַר־יום־טובט אין אונזערע נשמות. כמעט אַלע די זעכצן שעה פון וואַרטן האָב איך פאַרברענגט אויפן דעק. און אין מיר איז געווען פאַר־יום־טוב פון אַ נייער וועלט. עפּעס אַזוי ווי נישט קאַפּיטאַן קוק וואָלט די ברעגעס שוין מיט הונדערט און פופציק יאָר צוריק אַנטדעקט — נאָר איך... אַביסל ווייטער פון שיף, אינמיטן דעם ים־איינגוס האָבן ים־פאַלקן געיאָגט זייער פיש־רויב. געקרייזט און געקרייזט מינוטן־לאַנג און שווייגנדיק איבער אַ פּונקט אין ים, אין וועלכן זיי האָבן אַ פיש נאָענט פון דער אויבערפלאַך אין וואַסער דערזען. און פּלוצלונג — ווי די פאַלקן — באַץ מיט פאַרמאַכטע פליגלען אין וואַסער אַריין — און אין אַ פּאָר רגעס אַרום זענען זיי שוין אַרויסגעקומען מיט אַ פיש אין שנאָבל און אַוועקגעפלויגן צום ברעג, צו אַ צווייג פון אַ בוים. שטיל און פאַרנע איז געווען די נאַכט — פון ווייט, ווייט האָבן זיך אַ צינד געטאָן די גאַסן פון דער שטאָט. ווי אָנגעצילעטע לאַנגע שטריקלעך מיט לייכטנדיקע קרעלן זענען זיי דאָרט געהאַנגען. בייטאָג האָט מען די גאַסן נישט געזען — ערשט ווען זיי האָבן זיך צעלויכטן ביינאַכט — האָט מען זיי דערבליקט. פון צייט צו צייט איז דאָרט אַן אויטאָ פאַרבייגעפלויגן און געווונקען צו אונז מיט די רעפלעקטאָרן — כאָטש מיילן־ווייט אַוועק, טאָמער זענען די רעפלעקטאָרן אָנגעשטעלט





געווען דירעקט אויף אונז, האָבן מיר געזען דעם לאַנגען ווידער־שיין זייערן מייל־לאַנג נאַכטיש־שטילן שפּיגל פון ים־איינגוס. איינע פון די שענסטע פון די עטלעכע אומפאַרגעסלעכע נעכט פון מיין לעבן. און אויף צומאָרגנס אין אַ שיעור באַגעגענישן מיט באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, און אַזעלכע, וואָס מען באַקענט זיך אָט ערשט און עס דאַכט זיך, אַז מען קען זיך שוין אַזוי לאַנג — ערגעץ נאָך פון די קינדער־יאָרן. — נאָך לאַנגע טעג און נעכט אויפן ים — קען איך קיינמאָל די ערשטע נאַכט אויף דער יבשה ווידער נישט שלאָפן. און אַזוי האָב איך דעמאָלט אין יענער ערשטער אויסטראַלישער נאַכט נישט צוגעטאָן קיין אויג. און די גאַנצע נאַכט האָב איך געהערט דעם גרו־גרו פון טויבן, וואָס האָבן באַזעצט דעם גאַנעק פאַרן האָטעל־פענסטער. און טראַכט איך נאָר וועגן מיינע ערשטע שעהן אין אויסטראַליע — דערהערט באַלד מיין נשמה — גרו, גרו, גרו־גרו — די טויבן־טויבן־טויבן פון מיין ערשטער אויסטראַלישער נאַכט.

.5

אַן ענטוזיאַסט פון דער יידישער ליטעראַטור אין אויסטראַליע האָט געהאַט אַן אידעע, אַז אויף דער ערשטער פאָרלעזונג מיינער אין מעלבורן, זאָל מען אָנשטאָט בילעטן אַריינשפּיליען אַלע באַזוכער אין די לאַצן אַ קליין זיידן פענדעלע מיט דער אויפשריפט „ברוך הבא מ. ר. אין אויסטראַליע". אַז איך האָב עס געזען, האָב איך מיך זייער געשעמט, ווייל איך האָב מיך דערמאָנט ווי מען וואָלט געלאַכט פון דעם איינפאַל אין וואַרשע צווישן אונזערע ברידער. אָבער בגנבה האָב איך צוגענומען צוויי אַזעלכע פענדלעך און איך האָב זיי געשיקט אין אַ בריוו צו מיינע טאַטע־מאַמע. זיי האָבן מיר געשריבן, אַז זיי האָבן זיך זייער מיט דעם געפרייט. דער טאַטע האָט דאָס זיידענע פענדעלע באַוויזן שבת אין שול, און די מאַמע האָט זיך מיט דעם באַרימט פאַר די שכנות, און אַלע האָבן באַוווּנדערט. און

היינט — ווען מיין טאַטע ליגט שוין אין דער ערד, און די מאַמע טיילט ערגעץ דאָס בלוטיקע היסטאָרישע מזל פון אונזער פאָלק אין מזרח־אייראָפּע און טראָגט די געלע לאַטע אויף איר טייער, ליכטיק האַרץ — היינט בין איך אַזוי דאַנקבאַר יענעם ענטוזיאַסט פאַר זיין מאָדנעם איינפאַל — פאַר זיין אומגעוואָלטער מתנה פאַר מיינע אַלטע טאַטע־מאַמע.

.6

אָן ענגליש לשון אין מויל, אָן געלט אין קעשענע, אָן אַ קלאָרן געדאַנק וועגן דעם אין קאָפּ — האָב איך מיך בשעת מיין ערשטן באַזוך אין אויסטראַליע געלאָזן אויף אַ סאָלאָ־מרגל־רייזע צו דער נאָרטערן־טעריטאָריע. זיכער איז דאָס די שענסטע און אינטערעסאַנטסטע רייזע פון מיין לעבן געווען, און איך קען מיר נאָך היינט נישט דערקלערן ווי אַזוי איך, דער פּרינציפּיעלער פּחדן, בין געקומען דערצו. וואָס עס האָט מיך דערצו באַוויגן און וואָס האָט מיר געגעבן כוח דאָס אויסצופירן. אָבער אַזוי איז עס געווען. איינער אַ ייד פון בריזבעין האָט דעמאָלט געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז מען זאָל אין דער נאָרטערן־טעריטאָריע קאָלאָניזירן יידן פון דייטשלאַנד. איך האָב דעם יידן אין בריזבעין (שוין נאָך מיין רייזע) געזען און זיך גרונטיק איבערצייגט, אַז דער ייד האָט קלאָר נישט געוווסט, וואָס ער האָט געוואָלט. דאָך האָט זיין בריוו אַרויסגערופן צענדליקער אָפּרופן און — מיין רייזע... און אויב דער ייד האָט ווייניק געוווסט, האָב איך נאָך ווייניקער געוווסט, וואָס איך וויל בשעתן אַרויספאָרן. די אונטערנעמונג האָט געדויערט פינף וואָכן און גערעדט האָב איך ווייניק בשעת מיין רייזע, ווייל איך האָב, פּשוט, קיין ענגליש נישט געקענט. האָב איך דעריבער אַ סך געטראַכט און געטראַכט, און זיך אַליין מיט אַלע כוחות קלאָר געמאַכט, וואָס עס געשעט דאָ מיט מיר... דער סעקרעטאַר פון וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־פאַראיין, אַלע זיינע יאָרן אַ שטוב־ און טיש־מענטש, ליגט פּלוצלונג אונטערן פרייען באַשטערנטן הימל





פון אַן אויסטראַלישער מדבר־נאַכט און געפינט זיך אינמיטן אַ יידישער מרגל־רייזע אויסצוקוקן אַ לאַנד פאַר היטלער־יידן, פּליטים פון דער אינקוויזיציע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אָבער אַז איך בין געקומען קיין וואַרשע האָט מיך דער טעריטאָריאַליסטישער ענטוזיאַסט, זלמן מייזנער, ממש מער נישט אָפּגעלאָזט. מיינע אַרטיקלען האָבן אים אויסטראַליזירט, עלעקטריזירט מיט דער אידעע, אַז נאָר אויסטראַליע איז דאָס לאַנד — ד אָ ס לאַנד, די טעררא פון דער טעריטאָריע, די טעריטאָריע פון דעם טעריטאָריאַליזם. און אויך דר. שטיינבערג האָט מיר אַמאָל אין אַ בריוו געשריבן, אַז אין דעם קימבערליי־פּראָיעקט — כאָטש קימבערליי איז נישט אין דער נאָרטערן־טעריטאָריע, נאָר צו מערב פון איר — האָט אויך מיין מאָדנע רייזע געשפּילט איר אינספּיראַטאָרישע ראָלע. כאָטש איך ווייס, אַז דאָס איז איבערגעטריבן, דאָך פרייט זיך אַזוי מיין יידיש האַרץ מיט דעם. קאָן איך נישט מיט מיינע מיושבע טאַטן העלפן מיין פאָלק — זאָלן אים כאָטש מיינע מטורפע טאַטן העלפן. און אַלץ, אַלץ צוליב דעם אַבאָנענט פון צוויי פאָלקסציטונגען אויף אַמאָל.

.7

אַז איך בין אין דעצעמבער, 1934, נאָכאַמאָל אַוועק פון וואַרשע, דאָסמאָל אויפן ווייטן מזרח, האָב איך שטילערהייט געשוווירן, אַז בעסער זאָל אָפּדאַרן מיין רעכטער פוס, איידער נאָכאַמאָל צו טרעטן אויף די שטיינער פון וואַרשע. און, ווי נחם טויב, האָב איך מיך געלאָזן איבער דער וועלט צו זוכן אַ צווייג, ווו זיך אָפּצורוען. געווען אויפן ווייטן מזרח אַ האַלב יאָר און געענדיקט דאָרט מיין שליחות, און זיך שוין געדאַרפט אַרומקוקן נאָך אַ תכלית. דאָס איז געווען אין האָנגקאָנג. צוויי וועגן זענען געלעגן פאַר מיר — איינער קיין מערב, איבערן פּאַציפיק, קיין אַמעריקע, און דער אַנדערער קיין מזרח, איבערן אינדישן אָקעאַן, מיטללענדישן ים, אַטלאַנטיק — אויך קיין

אַמעריקע. און קיין געלט — ווי אַלעמאָל — איז נישט געווען. געוווינט האָב איך דעמאָלט אין האָנגקאָנג ביי אַ בחור, אַ פריינט. אַן אינזשעניער; געווען איז פּונקט איינמיטן נאַכט, טייפונישע נאַכט, ווי כמעט אַלע נעכט אין האָנגקאָנג. דער בחור איז נישט געווען אינדערהיים, היים איז געווען, שלאָפן האָב איך נישט געקענט, האָב איך אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן פון דער גרויסער דירה און געגאַנגען פון איין שטוב אין דער אַנדערע. און אין דרויסן האָט געשטורעמט און געדונערט דער טייפון. האָב איך מיך פּלוצלונג דערמאָנט אין מיין סיטואַציע און אין מיין וואַרשעווער שבועה און בין שטיין געבליבן ביי אַ גרויסער מאַפּע, העל באַלויכטן. דאָ פון דער מאַפּע — האָב איך גערעדט אַליין צו מיר — גיי איך נישט מער אַוועק, איידער איך וועל נישט וויסן וווּהין איך פאָר, רעכטס אָדער לינקס. און כאָטש איך האָב סיי־ווי גוט געוווּסט, ווייל איך קען אַביסל געאָגראַפיע, האָב איך אָבער אָט דאָ אויף דער מאַפּע באַשיינפּערלעך פּלוצלונג דערזען, אַז אייגנטלעך געפין איך מיך אַזוי נאָענט פון אויסטראַליע, און אָנשטאָט צו פאָרן האַלבע וועלטן קיין אַמעריקע, דורך מ ע ר ב אָדער מ ז ר ח, איז דאָך בעסער צו פאָרן אַ קליין שטיקעלע קיין ד ר ו ם, און ווידער זיין אין אויסטראַליע, און דאָרט זוכן דאָס, וואָס נחת טויב האָט סוף־כל־סוף געפונען — און אמת זאָל ווערן מיין וואַרשעווער שבועה. און אַזוי איז עס טאַקע געשען — מיט צוויי חדשים שפּעטער בין איך, צו דער שטוינונג־פון אַלע מיינע אויסטראַלישע פריינט, ווידער אָנגעקומען קיין אויסטראַליע. כאָטש ערשט איצט וואָלט געווען די ריכטיקע געלעגנהייט צו מאַכן דאָס זיידענע לאַצן־פּענדעלע מיט דער אויפשריפט „ברוך הבא...״, איז עס שוין אָבער צרוואַכעדיק געווען — נאָר אין מיין נשמה איז געווען יום־טוב — כאָטש אָן פּענדלעך.

.8

צום צווייטן מאָל בין איך אָנגעקומען קיין אויסטראַליע





דורך סידנעי. יעדער פּאַסאַזשיר האָט געדאַרפט ביי זיך האָבן 40 פונט, און איך האָב געהאַט 3 שילינג אין קעשענע. 266 מאָל ווייניקער. דער אימיגראַציע־באַאַמטער אויף דער שיף, דער גוטמוטיקער אויסטראַליער, האָט זיך ביי מיר געבעטן: אפשר האָסטו כאָטש עפּעס אַ טשעק, אפשר האָסטו צוואַנציק פונט... ניין, נאָר דריי שילינג. און ער האָט מיך פאָרט אַראָפּגעלאָזן, אָבער נאָר ווי אַ באַזוכער, און נאָר אויף פיר וואָכן. און די וואָכן זענען געגאַנגען ווי דער בליץ. אָט, אָט, און די גאַנצע צווייג אונטער נחם טויב וואָלט זיך ווידער איינגעבראָכן און עס וואָלט ווידער געוואָרן מבול... איינמאָל בין איך געגאַנגען אַליין אין אַ שטילער, פאַרנער נאַכט אויף דער שיינער ראָיאַל־פּאַרעיד־גאַס אין מעלבורן. נידעריקע, פון ווידערשיין פון דער שטאָט, ראָזעווע וואָלקנס זענען געהאַנגען איבער מיר. די וועלט איז אַזוי שיין געווען, און דאָס לאַנד אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, און דאָ גייט איין קליין מענטשעלע, און עס איז אין דעם לאַנד נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אים. אָבער גוטע פריינט האָבן געפונען פּראָטעקציע ביז צום דעמאָלטיקן פּרעמיער, און מען האָט מיך איבערגעלאָזן אין לאַנד — און דריי נעכט שפּעטער בין איך ווידעראַמאָל נעגאַנגען איבער דער ראָיאַל־פּאַרעיד, און עס איז געווען אַ שוואַרצע נאַכט, און די וואָלקנס הויך און שוואַרץ — נאָר אין דער נשמה איז געווען אַזוי ראָזיק און גוט און אַזאַ דאַנקבאַרקייט, וואָס גוטע זיבן מיליאָן מענטשן אויף דעם פינפטן קאָנטינענט, וואָס קען אַריינגעמען הונדערט מיליאָן, האָבן זיך אַביסל אַ רוק געטאָן און אַריינגעלאָזן נאָך אַ מענטש, און זיין נאָמען איז מיין נאָמען.

.9

אַ יאָר שפּעטער האָט מיין טאָכטער געדאַרפט אָנקומען קיין סידנעי — אַ רעגולערע אימיגראַנטין. אָט דאָס, וואָס איך קען אַריבערנעמען אימיגראַנטן אין אַ ווייטן לאַנד, האָט מיך אויסגעפילט מיט אומבאַשרייבלעכער פרייד. איך האָב געוואַרט

אויף איר אין סידנעי. די שיף האָט פאַרשפּעטיקט, און איך האָב מיך אַרומגעדרייט איבערן שטאָט־פּאַרק און געבענקט. עס איז געווען איינער פון די 365 סידנעיער מילדע זון־טעג פון אַ גאַנץ יאָר. פון דערווייטן — איבער אַלע סידנעיער בערגלעך, מילד ווי די מזרח־סיבירישע סאָפּקעס, איבער אַלע גערטנער און הייזער און טורעמס, איבערן ים־איינגוס, און כמעט ווי איבער די וואָלקנס און דעם הימל, האָט געהאַנגען די גרויסע סידנעיער בריק, ווי אַ מאָדנער וועלטן־גרויסער שפּיל־אינסטרומענט, און געציטערט פון די באַנען, טראַמוואַיען און אויטאָס, וואָס זענען כסדר איבער איר געפאָרן אַהין און אַהער. און אין מיין נשמה האָט דאָס אַלץ אויסגעשפּילט אַ ליד פון פרייד, פון בענקשאַפט, פון שיינקייט, פון ניי־לעבן — פון אַ נייער וועלט, אַ נייעם קאָנטינענט, אַ נייער צוקונפט — אַזוי ווי דאָס לעבן וועט באַשערן — פאַר מיין געליבט קינד.

און נאָך מיט אַ יאָר שפּעטער און איך האָב שוין צוויי טעג נאָכאַנאַנד אַרומגעפירט מיין צווייטן אימיגראַנט אין אויסטראַליע, מיין דעמאָלט זעכצן־יעריקן זון, און באַוויזן אים די שיינקייטן פון מעלבורן. פאַרטיק געוואָרן מיט דעם ווייזן — האָב איך געזאָגט: זון מיינער, מיין פליכט איז געטאָן, איך קען שוין גיין ווייטער מיין אייגענעם וועג, איך האָב דיר געברענגט אויף דער שיינער וועלט, און אָט האָב איך פאַר דיר געעפנט די טיר פון דעם שענסטן גאָרטן אירן — די טיר פון אויסטראַלישן קאָנטינענט, דעם יינגסטן, דעם שענסטן פון אַלע. דיין לעבן איז איצט אינגאַנצן אין דיינע אייגענע הענט.

געווען איז עס אויפן שפּיץ פון דעם קריגס־דענקמאָל־בערגל אין מעלבורן — די סאַמעט־גריגע, כמעט פלאַכע, גראָז־בייטן האָבן געפלאַליעוועט אונטער אונז. איך האָב געהאַט טרערן אין דער שטימע און טרערן אין די אויגן, און איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין זון — און ער איז אויך געווען גערירט, אויך ער האָט פאַרשטאַנען די פייערלעכקייט פון דעם מאָמענט, נאָר ער האָט קיין טרערן אין דער שטימע און אין די אויגן נישט געהאַט — נאָר טראָציקייט. ער האָט מיר געזאָגט: דו וועסט





נאָך גיין ווייטער און ווייטער, און וועסט נאָך וואַנדערן, און איך וועל שוין דאָ — אין אָט דער שיינקייט — מוזן אייביק בלייבן. איך האָב אים געענטפערט: ווו איך זאָל נישט גיין — מיין וועג פירט שוין אומעטום נאָר אַראָפּ און אַראָפּ, טיפער אין טאָל, און דו, ווו דו זאָלסט נישט גיין — דיין וועג גייט אומעטום אַרויף און אַרויף, העכער אויפן באַרג פון דיין לעבן.

קען זיין, אַז דאָס איז געווען דער דערהויבנסטער מאָמענט פון מיין דאָ זיין — איך האָב אים איבערגעלעבט אויף אויסטראַלישער ערד, אונטער דעם מילדן הימל פון מעלבורן, אפשר דער מילדסטער שטאָט פון דער וועלט —

.10

אַמאָל וועט זיך ענדיקן די מלחמה — און זי וועט זיך גוט ענדיקן. דעמאָלט וועל איך ווידער נעמען שרייבן לידער — אַזעלכע שטילע לידער, אַזעלכע ווי מען שרייבט ביים סוף פון שרייבן. לידער וואָס דירן אָן — דעם האָריזאָנט... נאַטור־לידער. וועל איך דעמאָלט באַזינגען די אור־וועלדער פון אויסטראַליע, וואָס הויבן זיך דאָרט אָן זיבן מייל הינטער די גרויסע שטעט. דאָס איינציקע הויך־ציוויליזירטע לאַנד אין דער וועלט, ווו די אור־וועלדער הויבן זיך אָן זיבן מייל הינטער די הויפּט־שטעט. איך וועל באַשרייבן די נידעריקע הימלען פון אויסטראַליע, און די בלויע בערג און די מדבריות אפילו, מיט די דייטלעך־פאַרצייכנטע טרוקענע טייכן ווי אויף וועלטן־ווייטע מאַפּעס; און די פריילינגען דאָרט וועל איך באַשרייבן, און די שניי־לאָזע ווינטערן און די רייטערס פון די ווייטע סטעפּעס, וואָס זענען אַ שטיק נאַטור אויף דעם פינפטן קאָנטינענט, און די טויזנטערליי עוקאַליפּטן־בוימער וועל איך באַשרייבן, און איך וועל באַשרייבן

ווי די קאָרע פֿאַלט פֿון זיי יעדעס יאָר אין לאַנגע שטאַנגען, און
ווי זיי שטעלן זיך אַרום די שטאַמען אַרום. ווי די צוזאַמענגע־
שטעלטע לאַנצן פֿון עפּעס אַ מאָדנער ריזן־אַרמיי.
אַמאָל וועט זיך ענדיקן די מלחמה —
און אויסטראַליעס גרויסער טאָג אין דער וועלט־געשיכטע
וועט זיך אָנהויבן.

מאָנטרעאַל, קאַנאַדע,
דעם 20טן סעפּטעמבער, 1941.



# דער יידישער וועלט־קאָנגרעס

פֿון

ד״ר. מ. לאַזאַרסאָן

### א.

דער געדאַנק פֿון יידישן וועלט־קאָנגרעס — דער געדאַנק צו פֿאַראייניקן דאָס יידישע פֿאָלק, איז זייער אַלט. ער איז מן־הסתם פּונקט אַזוי אַלט, ווי דער גלות אַליין.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט אָבער געקענט פֿאַרווירקלעכט ווערן ערשט איצט, ווען די מאָדערנע טעכנישע אַנטוויקלונג האָט דערגרייכט איר היינטיקע הויכע מדרגה, ווען די וועלט איז אַדאַנק דער דאָזיקער אַנטוויקלונג געוואָרן וואָס־אַמאָל קלע־נער, און דאָס יידישע פֿאָלק אַלס גאַנצעס, האָט צו דער זעלבער צייט במשך פֿון די לעצטע יאָרן געהאַט אויסצושטיין דערנידע־רונגען, אכזריותן, פֿאַרפֿאָלגונגען און טיפֿע דערשיטערונגען.

מיר זענען נישט ווייט אַוועק פֿון דער צייט, ווען די יידן פֿון פֿאַרשידענע לענדער האָבן זיך באַטראַכט אַלס ענגלענדער, דייטשן, פֿראַנצויזן, איטאַליענער און אויסטראַליער פֿון יידישן גלויבן. אפֿילו אין צאַרישן רוסלאַנד, וווּ די יידן (אַרום זעקס און אַ פֿערטל מיליאָן), האָבן זיך שטענדיק באַטראַכט אַלס רו־סישע יידן און נישט אַלס רוסן פֿון יידישן גלויבן, אפֿילו דאָרט זענען געווען אַ סך פֿון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע אין דעם רוסיש־אָקופּירטן פּוילן, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט אַלס „פּאָ־ליאַקן פֿון משהס גלויבן".

אין פֿאַרשידענע לענדער האָבן די יידן אויף פֿאַרשידענע אופֿנים געפּרוווט צו באַהאַלטן און פֿאַרשטעלן דעם פֿאַקט, אַז